LES CAHIERS YIDDISH

# ייִדישע העפטן

Le mensuel culturel de langue yiddish publié à Paris




**אַלען קליינמאַן** (פּאַריז) :

**די סינאַגאָגע אין קיצינגען**

(דייטשלאַנד)

געמישטע טעכניק אויף פּאַפּיר, 50 x 60

**Alain KLEINMANN :**

Die Synagoge in Kitzingen I

Gemischte Techniken auf Papier, 50 x 60.

**נומער געווידמעט ראש-השנה**

n° **140/141** **Septembre/Octobre 2009 סעפטעמבער/אָקטאָבער** prix : 5 euros

supplément au Cahiers Bernard Lazare n° 306/307. Mensuel de langue yiddish publié à Paris avec le concours de la FONDATION MEMOIRE DE LA SHOAH.

# ייִדיש אין אַרגענטינע (2)

## אינטערוויו מיט פּערלאַ סֶנֶה

### פֿון מאַקס כּאָהן / פּאַריז

בעצם האָבן זיי מיך אײַנגעלאַדן פֿאַר אַ שמועס וועגן ייִדיש, לכּבֿוד דער וואָך פֿון "קולטורעלער דיווערסיטעט". האָב איך אוודאי געענטפֿערט, נאָר פֿאַרוואָס נישט עפּעס גרעסער, אַ "יום–עיון", אַ קאָנגרעס ? לעטיסיאַ מאַרונעסע (פֿון דער דערמאָנטער קאָמיסיע) און ליליאַנאַ באַרעלאַ (פֿון דעם היסטאָרישן אינסטיטוט) האָבן שטאַרק ליב געהאַט דעם פֿאָרשלאַג, און געפֿרעגט, צי צוויי טעג וואָלטן געווען גענוג. נחיה ונראה, האָב איך געענטפֿערט, און זיך גענומען צום אַרבעט. בסוף זענען געווען גאַנצע פֿיר טעג אין דער ביבליאָטעק און סײַ ווי איז ניט אַלץ אַרײַנגעגאַנגען (ווי למשל די ייִדישע פּלאַסטישע קונסט אין בוענאָס–אײַרעס). יעדער טאָג האָט זיך געשלאָסן מיט אַן אַרטיסטישן פּראָגראַם (אַ ווידעאָ, וואָס מיר האָבן שפּעציעל רעאַליזירט, ייִדישע אַקטיאָרן ווי מאַקס בערלינער און ציפּע לינקאָווסקי האָבן רעציטירט, קלעזמאָרים האָבן געשפּילט... ). איינעם פֿון די טעג האָבן מיר געהאַט אַ מין "שירה בציבור[4]". מען האָט געלייענט פֿאַרשיידענע ייִדיש–אַרגענטינישע טעקסטן און געזונגען ייִדישע לידער. ס'איז געווען אַן אמתע דערלעבונג, צו זײַן דעם–אַ טאָג אין דעם "באָרכעס"–זאַל, דער גרעסטער אין ביבליאָטעק – וואָס איז געווען פֿול פֿון עק צו עק – און הערן דער עולם זינגען : "זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...". דאָס איז געווען אַזוי, ווי מען וואָלט דעמאָלט דערגרײכן אַ גרענעץ–שטיין אין דער אַרגענטינער–ייִדישער געשיכטע.

עס האָבן אָנטייל גענומען נישט בלויז פֿאָרשער און געלערנטע פֿון ייִדיש, נאָר אויך אַקאַדעמיקערס און שרײַבער, וועלכע קענען אפֿשר אַ פּאָר ייִדישע ווערטער, אָדער רעדן אין גאַנצן נישט די שפּראַך, אָבער האָבן יאָ אַ פֿעסטע פֿאַרבינדונג מיט דער לשון. דאָס איז געווען זייער אינטערעסאַנט. מע קען לייענען אַלע אַרבעטן אין בוך "בוענאָס–אײַרעס ייִדיש". צום באַדויערן קען מען נישט באַקומען דאָס בוך צום קויפֿן דורך פּאָסט, נאָר מע האָט די מעגלעכקייט צוצוקוקן די טעקסטן בײַם פֿאָלגנדיקן אינטערנעץ–אַדרעס :

http://www.buenosaires.gov.ar/areas/cultura/patrimonio/comision/publicaciones.php?menu_id=14933

מע דאַרף זוכן: « Buenos Aires Idish » Vol. 19

דאָרטן קענט איר אויך געפֿינען אַן אַנדערן בוך (אויך אין עלעקטראָנישער ווערסיע) : El espejo de la Lengua Idish. Seleccion de textos argentinos. דאָס זענען אַרגענטינער–ייִדישע טעקסטן, וועלכע אליהו טאָקער – זייער אַ באַקאַנטער דיכטער און איבערזעצער – און אַניטאַ ווינסטיין – אַ פֿאָרשערין אין דעם צענטער א. נ. מאַקס טורקאָוו – האָבן צונויפֿגעשטעלט. דאָס איז אויך דערשינען אין די ראַמען פֿון "בוענאָס–אײַרעס ייִדיש". אפֿשר איז דער צוגאַנג צו ייִדיש נישט צום טעם פֿון די "ייִדיש–פּוריסטן", נאָר פֿאַר מיר איז דווקא ייִדיש נישט קיין לשון פֿאַר פּוריסטן. בעצם, זינט דעמאָלט איז ייִדיש אָפֿיציעל געוואָרן אַ טייל פֿון בוענאָס–אײַרעסער היסטאָרישן און קולטורעלן כּלל–אייגנס, פֿון דעם געשיכטע– און קולטור–אוצר פֿון שטאָט.

**מאַקס כּאָהן : וואָס קענט איר אונדז דערציילן וועגן ייִדיש אין אַרגענטינע, און וואָס איז זײַן לאַגע הײַנט ?**

ייִדן האָבן זיך דאָ אײַנגעוואָרצלט אין לאַנד סײַ אין פֿעלד און סײַ אין שטאָט. מסתּמא האָט איר

4 געזאַנג–ליאַמע, זייער אַ פּאָפּולער מין צונויפֿקום אין ישׂראל, צום בײַשפּיל.

געהערט ייעגן די ייִדישע גאַוטשן („גאַוטשאָס כודיִאָס”), די קאָלאָניסטן, וואָס זענען אַהער געקומען אַרבעטן די ערד מיט דער אונטערשטיצונג פון באַראָן דע הירש אין די לעצטע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. דאָס איז אַ לעגענדאַרע – און אויך אַ שווערע – געשיכטע, וואָס איז אַרײַן אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור מיטן בוך פון אַלבערטאָ גרשונוף, דער ערשטער אַרגענטינער ייִדיש־שרײַבער. אָבער אַנדערע האָבן אויך געשריבן וועגן דער ייִדישער אַרגענטינער עפּאָפּעע, און טאַקע נישט מיט גרשונופס אידילישע ווערטער, ווי מרדכי אַלפּערסאָן. אָבער סײַ אין פעלד און סײַ אין שטאָט איז אַרגענטינע געווען אַ לאַנד פון ייִדיש און ייִדישיסטן.

דאָ האָט געבליט אַן אויסערגעוויינטלעכע און זייער אַ פילפאַרביקע ייִדישע קולטור, מיט זשורנאַלן (טאָגטעגלעכע, וואָכנדיקע, א. א. וו.), פאַרלאַגן, שולן, טעאַטערס, ראַדיאָ־פּראָגראַמען. ווען לייוויק איז געקומען קיין אַרגענטינע אָנטיילצונעמען אין דעם פּ.ע.נ.־קלוב קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין בוענאָס־אײַרעס 1936, זענען געווען פאָרט צען טויזנט מענטשן אים צו באַגעמען. דאָ אין בוענאָס־אײַרעס זענען דערשינען געוואָרן צוויי פון די וויכטיקסטע ביכער־סעריעס אין דער ייִדיש קולטור־וועלט: די ביכער־סעדיע א”ב. „דאָס פּוילישע ייִדנטום”, אין וועלכער איז דערשינען אלי וויזלס שריפטן ערשט אין די 1950ער יאָרן, און אַ ביכער־סעריע, וואָס טאָר נישט פעלן אין קיין איין ייִדיש־פאָרשונג ביבליאָטעק, די „מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור”. דאָס זענען 100 בענדער, וואָס שמואל ראָזשאַנסקי – אַ קריטיקער, לערער, פאָרשער, שרײַבער – האָט געקליבן, צונויפגעשטעלט, רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן. ראָזשאַנסקיס נאָמען איז איינער פון די עיקרדיקע אין דער אַרגענטינער ייִדישער קולטור, אָבער עס זײַנען דאָ אַ סך אַנדערע: גרויסע קריטיקער און זשורנאַליסטן ווי פניה כ”ץ, גרויסע לערערס ווי פּראָפ׳ מענדעלסאָן אָדער זלמן הירשפעלד, דיכטער ווי קהת קליגער און משה־דוד גיסער, פּעדאַגאָגן ווי פּראָפ׳ חיים פינקעלשטיין – די סאַמע נשמה פון שלום־עליכם שול. נאָר די אַלע דערמאָנטע זענען בלויז אייניקע נעמען אין זייער אַ רייכער געשיכטע.

מיט די יאָרן (און דערמיט רעכענעט זיך אויך די ישראלדיקע לינגוויסטישע פּאָליטיק) זענען ביסלעכווײַז די אַלע קולות פאַרשטימט געוואָרן. אָבער אין דער פאַל פון אַרגענטינע האָט עס אויך געשפּילט אַן אַנדער פאַקטאָר: דער טראַוומאַטישער זכרון פון חורבן. מסתּמא איז דאָס נישט קיין צופאַל, אַז ייִדיש איז געוואָרן אַזוי אַקטועל צווישן די אַרגענטינער שרײַבער, וואָס שרײַבן וועגן די ”פאַרשוווּנדענע„ אין אַרגענטינע (”דעסאַפּאַרעסידאָס„ אין שפּאַניש), אין די יאָרן פון דיקטאַטאָרישן מיליטאַרישן רעזשים.

נאָר ייִדיש איז שטענדיק דאָ געווען אין טאָגטעגלעכן לעבן אין אַרגענטינע, כאָטש שפּאַניש איז נישט געווען אַזוי גאַסטפרײַנטלעך צו ייִדיש ווי ענגליש. ביזן הײַנטיקן טאָג גאָר איז דאָס סאַמע וואָרט ייִדיש נישט אַרײַנגעגאַנגען אין קעניגלעכן אילוסטרירטן ווערטערבוך פון דער שפּאַנישער שפּראַך, אָבער עס זײַנען שוין אַרײַן ייִדיש־ווערטער אין אַרגענטינער סלאַנג (וועלכער אויף שפּאַניש הייסט ”לונפאַרדו„) ווי, למשל, פּאַפּוסאַ, וואָס הייסט אַ שיין מיידל. דאָס שטאַמט פון דער צײַט פון דער אָרגאַניזאַציע ”צבי מיגדל„: אַ לײַטישע פרוי פלעגט דעמאָלט נישט רויכערן, און דער פּאַפּיראָס איז געוואָרן אַ מין סימבאָל פאַר די פרויען פון ”מיגדל„. פון ”פּאַפּיראָס„ איז ערשטנס געוואָרן ”פּאַפּיראָסאַ„, און שפּעטער ”פּאַפּוסאַ„. אגב, אַזוי ווי מע רעדט וועגל אָרגאַניזאַציעס, דאַרף מען באַמערקן, אַז בעת מע דערמאָנט אָפּט וועגן ”מיגדל„, רעדט מען קוים פון דעם קאַמף פון דער ייִדישער קהילה קעגן די ”טמאים„, אַזוי ווי מען האָט זיי גערופן. דאָס איז דאָך געווען אַ פונדאַמענטאַלער טייל פון דער ייִדישער אַרגענטינער געשיכטע. הײַנט איז ייִדיש אין דער אַרגענטינער קולטור אַ לשון פון אינטימען זכרון, און דאָס ווײַזט זיך אַרויס אין די ליטעראַרישע אויפטוען פון אַ סך שרײַבער, ייִדישע און נישט־ייִדישע.

און מע דאַרף זאָגן, אַז אַרגענטינע – און נישט נאָר בוענאָס־אײַרעס – איז טאַקע אַן אוצר אין דער ייִדישער קולטר. זי שטעלט פאָר אַן אויסערגעוויינטלעכע ירושה, וואָס איז חלילה ניט הפקר. נאָר מיר האָבן נישט קיין צו הויכן צאָל פאָרשער אין לאַנד. פונדעסטוועגן קומען דאָ אַרויף

זייער וויכטיקע אַרבעטן, ווי די לעקציעס פון אברהם ליכטענבוים, דער דירעקטאָר פון אַרגענטינער ייִוואָ – ווו עס אַרבעטן צוויי יונגע פאָרשערינס, סילוויאַ האַנסמאַן און סוסאַנאַ סקוראַ וועגן דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין אַרגענטינע. אויך אין דעם דאַרף מען דערמאָנען די פּערזענלעכע אַרבעט וואָס פירט , ווי אַ דיכטער און אַן איבערזעצער, אליהו טאָקער. און אויך אַניטאַ ווײַנשטיינס טעטיקייט אינעם "מאַרק–טורקאָוו„ צענטער, פון דער ייִדישער קהילה : פאַראַן לייען– און שמועס–קרײַזן, א. א. וו. איך מוז אויך דערמאָנען משה קייאַק, מײַנס אַ פרײַנט און קאָלעגע און אַ מומחה אויף ייִדישער ליטעראַטור.

וואָס מיר האָבן נישט איז אַ צענטראַלע פירונג און דאָס איז טאַקע נישט קיין חסרון, ווײַל אַזוי אַרבעט יעדער איינער אין זײַן אייגענעם סטיל, אויף זײַן אייגענעם וועג. פאַר מיר, פערזענלעך, איז דאָס אַ ליטעראַרישער וועג. דערפאַר אינטערעסיר איך זיך אין דער ייִדישער פּאָעזיע. נישט נאָר גרויסע דיכטער, ווי איציק מאַנגער – הגם זײַן "חומש–לאַנד„ איז מיר אַן אומענדלעכע קוואַל – נאָר אויך די אָרטיקע ייִדישע פּאָעטן, וואָס האָבן זיך דאָ געשאַפן אַן אייגענע פּאָעטישע לשון, ווי קהת קליגער, יוסף ראַבינאָוויטש, הירש בלאָשטיין, משה פינטשעווסקי און אַנדערע. כ׳האָב וועגן זיי געשריבן אין אַ ניט דערשינענער פאָרשונג וועגן בוענאָס–אײַרעסער ייִדישער דיכטונג. און איבערהויפּט זײַנען זיי שטענדיק מיט מיר אין מײַנע אייגענע לידער.

**מאַקס כּאָהן : ווי אַזוי זעט איר די צוקונפט פון ייִדיש ?**

כאָטש מײַן ערשטער נאָמען איז דבורה, האָב איך נישט ליב צו "שפּילן די נביאה". שוין אין 18טן יאָרהונדערט האָט מען געטענהט, אַז ייִדיש איז נישט מער אַקטועל, אַז עס איז שוין אַוועק זײַן צײַט, אַז עס שטייט אויפן שוועל פון פאַרשווינדן. אויך הײַנט–צו–טאָג זאָגט מען אַזוינע זאַכן. מע דאַרף אָבער צוגעבן, אַז ייִדיש איז מער נישט קיין טאָגטעגלעכע שפּראַך – און אַז דאָרט, ווו ייִדיש איז שוין יאָ נאָך אַ שפּראַך פון אַלע טאָג, דאָס הייסט בײַ חרדים, איז עס נישט די רײַכע און שעפערישע לשון, וואָס עס פלעגט זײַן. חוץ דעם קען אויך די הײַנטיקע פּאָזיטיווע באַציִונג צו ייִדיש פאַרשטאַנען ווערן ווי אַן אומקער פונעם פריִערדיקן זילזול, וועלכער ווערט איצטער, נאָכן חורבן, אונטערגעדריקט.

עס זײַנען שוין פאַראַן זייער וויכטיקע פאָרשונגען וועגן ייִדיש, נאָר אָט–דאָס אַקאַדעמישע ייִדיש ווײַזט זיך מער ווי אַן "אָביעקט„ – אַ מין "פאָסיל„, אַלס ווי אַ לעבעדיקע זאַך. אָבער טראָצדעם רעדט מען, לייענט מען, פאָרשט מען, און איבערהויפּט זינגט מען ייִדיש. דער קלאַנג איז געבליבן, און אויב מע הערט זיך צו, קען מען דאָס טרעפן.

און דאָס איז שוין זייער אינטערעסאַנט, ווײַל עס זײַנען דאָ אַ סך ביכער – באַזונדערס אין לאַטיין–אַמעריקע – וועגן ייִדישע שריפטווערטער און אידיאָמען, ביכער וואָס שטרעבן, צוריקצובאַקומען פאַרגאַנגענע קולות, אַזוי צו זאָגן, ווערטער, וואָס לעבן שטילערהייט ערגעצוו אין זכרון.

דערפאַר איז דאָס שווער, פאַר מיר, צו צעשיידן מײַן געדאַנק וועגן דער צוקונפט פון ייִדיש פון מײַן האָפענונג לגבי דעם עניין. וועל איך ענטפערן אײַער פראַגע מיט אַ פאָר ייִדישע ווערטער, זייער שפּעציעלע, וואָס זענען אַרײַנגעגאַנגען אין רינגיעלבלומס אַרכיוו פון "עונג שבת" . דאָס זענען בלויז פיר שורות, געשריבן אויף אַ ייִדישער שרײַב–מאַשין, אָן אַ טיטל און אָן אַ נאָמען, אָבער מיט אַ טאָן, וואָס פאָדערט פון אונדז, זיך אײַנצוהערן :

אין פרילינג ליגט דער שפּור
פון צײַטיקייט דער האַרטער,
ס׳איז אייביק די נאַטור
און צײַטווײַליק דאָס שטאַרבן.

איך ווייס נישט אויב דאָס איז אַן ענטפער. איך ווייס נאָר, אַז פאַר מיר איז דאָס, אומבאַדינגט, אַ האָפענונג.

□